ניו יארק סטעיט
אפיס און טשילדרען ענד פעמילי סערוויסעס

# באשטעטיגונג פון אייערע טראנזישאנעל טשיילד קער בענעפיטן

| | | |
|---|---|---|
| מעלדונג דאטום | גילטיג דאטום | נאמען און אדרעס פון אגענטור\צענטער אדער דיסטריקט אפיס |
| קעיס נומער | CIN נומער | |
| קעיס נאמען (און C\O נאמען אויב אנווענדבאר) און אדרעס | | אלגעמיינע טעלעפאן נומער פאר פראגעס אדער הילף |
| | | **אָדער** אגענטור קאנפערענץ |
| | | יושר'דיגע הירינג אינפארמאציע און הילף 1-800-342-3334 |
| | | רעקארד צוטריט |
| | | לעגאלע הילף אינפארמאציע |

| אפיס נומער | יוניט נומער | ארבעטער נומער | יוניט אדער ארבעטער נומער | ארבעטער טעלעפאן נומער |
|---|---|---|---|---|
| | | | | |

אייערע טראנזישאנעל טשיילד קער בענעפיטן זענען געווארן באשטעטיגט. איר זענט בארעכטיגט צו באקומען טשיילד קער בענעפיטן פאר טשייל קער סערוויסעס וואס זענען געווארן צוגעשטעלט

אום ______ ביז ______ בשעת איר ארבעט.

באמערקונגען:

**איר האט דעם רעכט צו א קאנפערענץ און\אדער א הירינג צו אפעלירן דעם באשלוס**
**ליינט דעם הונטערשטן טייל פון דעם מעלדונג איבער ווי אזוי צו פארלאנגען א קאנפערענץ און\אדער א הירינג צו אפעלירן דעם באשלוס**

**בענעפיטן. באצאלונג וועט ווערן צוגעשטעלט פאר די פאלגנדע:**

| קינד(ער): | פאר דעם פראוויידער: | פאר די סומע פון:* | פול-טיים אדער פארט-טיים: |
|---|---|---|---|
| | | | |
| | | | |
| | | | |
| | | | |

*באצאלונג קען זיין פארשידנארטיג באזירט אויף חילוקים אין אייער באשטעטיגטע אקטיוויטעט און\אדער אפוועזנהייטן.*

**בענעפיטן וועלן ווערן באצאלט:** ☐ דירעקט צו אייך. ☐ דירעקט צו אייער פראוויידער.
אייער פראוויידער מוז אריינגעבן א ביל און אטענדענס בלאט צו אייער לאקאלע דעפארטמענט או סאשעל סערוויסעס.

**פאמיליע חלק. איר זענט פאראנטווארטליך פארן באצאלן די פאלגנדע קאסטן:**

☐ גילטיג ______, מוז א **וועכנטליכע פאמיליע חלק** ווערן באצאלט צו ______
אין די סומע פון $______ פער וואך.

☐ גילטיג ______, מוז א **צוגאבע פאמיליע חלק** ווערן באצאלט צו ______
פאר די סומע פון $______ פער וואך.

☐ גילטיג ______, מוז א **געריכט באפוילענע פאמיליע חלק** ווערן באצאלט צו ______
אין די סומע פון $______ ער וואך, פאר די קינד(ער) ______.

**די פאלגנדע אינפארמאציע איז אן ערקלערונג פון ווי אזוי אייער וועכנטליכע פאמיליע חלק איז געווארן אויסגערעכנט.**

פאמיליע'ס יערליכע גראס אינקאם $______
מינוס 100% יערליכע סטעיט אינקאם סטאנדארט פאר א פאמיליע מאס פון ______ $______
פארבליבענע אינקאם $______
פארבליבענע אינקאם $______ X פאמיליע חלק % ______ % = $______
$______ / 52 וואכן = $______ וועכנטליכע פאמיליע חלק

אלע פאמיליע חלק סומעס ווערן געראונדעט צום נאנטסטן $0.50. עס איז פארהאן א מינימום פאמיליע חלק פאדערונג פון $1 פער וואך. דער מינימום פאדערונג ווערט אוועקגענומען פאר די וועלכע באקומען טעמפארערי אסיסטענס, גייען דורך היימלאזיגקייט, אדער באקומען טשיילד קער פאר א פאסטער קינד.

**<u>כדי צו קענען ווייטער באקומען בענעפיטן זענען דאס אייערע פאראנטווארטליכקייטן:</u>**

- מעלדט פאר אייער קעיסווארקער זאפארט אויב עס איז דא סיי וועלכע ענדערונג אין פאמיליע אינקאם, ווער עס וואוינט אין אייער הויז, עמפלוימענט, טשיילד קער אראנדזשירונגען אדער אנדערע ענדערונגען וואס קענען באווירקן אייער ווייטערדיגע בארעכטיגונג אין די סומע פון אייער בענעפיט.
- באצאלט זאפארט וועלכער פאמיליע חלק עס ווערט פארלאנגט.

די געזעצן און\אדער רעגולאציעס וואס ערלויבן אונז דאס צו טון איז:



SAMPLE

**רעכט צו אננעמען אדער אנטזאגן סערוויסעס:** באשטעטיגונג פון אייערע בענעפיטן מיינט נישט אז איר זענט מחויב אנצונעמען די סערוויסעס. איר קענט אויסוועלן אפצוזאגן די סערוויסעס דורכן זיך פארבינדן מיט אייער לאקאלע דעפארטמענט פון סאשעל סערוויסעס.

**אויב איר זענט נישט איינשטימיג מיט אייער לאקאלע דעפארטמענט אוו סאשעל סערוויסעס באשלוס קענט איר פארלאנגען א קאנפערענץ און\אדער א יושר'דיגע הירינג.**

**1.** **__קאנפערענץ__:** איר האט דעם רעכט צו א קאנפערענץ מיט אייער לאקאלע דעפארטמענט אוו סאשעל סערוויסעס איבערצוקוקן דעם באשטימונג. אויב איר ווילט א קאנפערענץ, זאלט איר דאס פארלאנגען **ווי אמשנעלסטן**, ווייל דער אויסגאנג פונעם קאנפערענץ קען באווירקן אייער באשלוס צו פארלאנגען א יושר'דיגע הירינג. אויב איר ווילט א יושר'דיגע הירינג און אייער טשיילד קעיר בענעפיט זאל בלייבן אומגעטוישט (הילף זאל פארזעצן) ביז דער יושר'דיגע הירינג באשלוס ווערט ארויסגעגעבן מוזט איר פארלאנגען א יושר'דיגע הירינג איידער דעם **גילטיג דאטום** אויפן ערשטן בלאט פון דעם מעלדונג. א פארלאנג פאר א קאנפערענץ אליין וועט נישט רעזולטירן אין אייערע בענעפיטן זאלן ווערן פארלענגערט. ביים קאנפערענץ, קענט איר פארשטעלן אינפארמאציע צו צייגן פארוואס איר גלייבט אז די שריט פונעם אגענטור איז נישט ריכטיג.

**איר קענט פארלאנגען א קאנפערענץ דורך:**

(1) **רופן:** ______________ **(ביטע האט דעם מעלדונג מיט אייך ווען איר רופט.)**

(2) **שרייבן:** באצייכנט דעם קעסטל אונטן און שיקט עס צו ______________

(3) ביטע האלט א קאפיע פאר זיך.

☐ איך וויל א קאנפערענץ. איך בין נישט איינשטימיג מיטן אגענטור'ס שריט. איר קענט ערקלערן אויף א באזונדערע פאפיר פארוואס איר זענט נישט איינשטימיג, אבער איר מוזט נישט אויך צושטעלן א שריפטליכע ערקלערונג.

**2.** **__יושר'דיגע הירינג__:** איר האט דעם רעכט צו א יושר'דיגע הירינג צו אפעלירן דעם באשטימונג פון די לאקאלע דעפארטמענט אוו סאשעל סערוויסעס. אויב איר ווילט א יושר'דיגע הירינג, האט איר **60 טעג** פונעם **מעלדונג דאטום**, וואס געפינט זיך אויפן ערשטן בלאט, צו מאכן דעם פארלאנג. אויב איר ווילט נישט אז אייער טשיילד קעיר בענעפיט זאל זיך טוישן ביז דער יושר'דיגע הירינג באשלוס ווערט ארויסגעגעבן, מוזט איר פארלאנגען א יושר'דיגע הירינג איידער דעם **גילטיג דאטום** אויפן ערשטן בלאט פון דעם מעלדונג. איר דארפט נישט פארלאנגען קיין קאנפערענץ איידערן פארלאנגען א יושר'דיגע הירינג.

איר קענט בעטן צו האלטן אייער טשיילד קעיר בענעפיט אומגעטוישט ביז א יושר'דיגע הירינג באשלוס ווערט ארויסגעגעבן. אויב איר פארלאנגט אז אייער בענעפיט זאל זיך נישט טוישן ביז א יושר'דיגע הירינג באשלוס ווערט ארויסגעגעבן און איר פארלירט דעם יושר'דיגע הירינג, וועט איר האבן געווארן איבערגעצאלט. די לאקאלע דעפארטמענט אוו סאשעל סערוויסעס וועט זוכן צו צוריקבאקומען פון אייך דעם איבערצאלונג דורכן פארמינערן צוקונפטיגע טשיילד קעיר בענעפיטן, דורכן נעמען אן איינמאליגע סכום געלט אלס באצאלונג אדער ביסלעכווייזע באצאלונגען, אדער דורך לעגאלע שריט.

**איר קענט פארלאנגען א יושר'דיגע הירינג דורך:**

(1) **רופן: 1-800-342-3334** (ביטע האט דעם מעלדונג מיט אייך ווען איר רופט.)

(2) **אנליין:** צו שיקן אייער יושר'דיגע הירינג פארלאנג אנליין, גייט צו http://otda.ny.gov/hearings/, קליק'ט אויף די לינקס צו פארלאנגען א יושר'דיגע הירינג נוצנדיג דעם אנליין פארם, און פאלגט אויס די אנווייזונגען אויפצופילן און אריינגעבן דעם פארם אנליין.

(3) **שרייבן:** באצייכנט דעם קעסטל און פילט אויס די אינפארמאציע אונטן. שיקט עס דורך פאסט צו די New York State Office of Administrative Hearings, Office of Temporary and Disability Assistance, P.O. Box 1930, Albany, New York, 12201-1930. ביטע האלט א קאפיע פאר זיך.

(4) **פאקס:** באצייכנט דעם קעסטל און פילט אויס די אינפארמאציע אונטן. פאקס'ט ביידע זייטן פון דעם פארם צו **(518) 473-6735**.

☐ איך וויל א יושר'דיגע הירינג. איך בין נישט איינשטימיג מיטן אגענטור'ס שריט. איר קענט ערקלערן אויף א באזונדערע פאפיר פארוואס איר זענט נישט איינשטימיג, אבער איר מוזט נישט אויך צושטעלן א שריפטליכע ערקלערונג.

**וועלט אויס איין.**

☐ טוישט **נישט** מיין טשיילד קעיר בענעפיט ביז א יושר'דיגע הירינג באשלוס ווערט ארויסגעגעבן.

☐ טוישט מיין טשיילד קעיר בענעפיט אויפן גילטיגן דאטום וואס שטייט אויבן פון דעם מעלדונג, פענדינג דעם יושר'דיגע הירינג באשלוס.

נאמען: ______________ דיסטריקט: ______________

אדרעס: ______________ קעיס נומער: ______________

______________ טעלעפאן: ______________

אויב איר פארלאנגט א יושר'דיגע הירינג, וועט די סטעיט אייער שיקן א מעלדונג וואס לאזט אייך וויסן די צייט און פלאץ פונעם הירינג. איר האט דעם רעכט צו ווערן פארטרעטן דורך לעגאלע קאונסעל, א קרוב, א פריינט אדער אן אנדערע מענטש, אדער זיך אליין צו פארטרעטן. ביים הירינג, וועט אייער אדוואקאט אדער אנדערע פארטרעטער האבן די געלעגנהייט צו פארשטעלן שריפטליכע און מינדליכע באווייזן צו צייגן פארוואס די שריט האט נישט געזאלט ווערן גענומען, ווי אויך א געלעגנהייט אויספרעגן סיי וועלכע מענטשן וועלכע ערשיינען ביים הירינג. אויך, האט איר א רעכט צו ברענגען עדות צו רעדן פאר אייער טובה. איר זאלט אייך ברענגען צום הירינג סיי וועלכע דאקומענטן אזוי ווי דער מעלדונג, פעיסטאבס, ריסיטס, טשיילד קעיר בילס, מעדיצינישע באשטעטיגונג, בריוון וכדומה וואס קענען זיין בייהילפיג ביים פארטרעטן אייער קעיס.

**לעגאלע הילף:** אויב איר דארפט אומזיסטע לעגאלע הילף, קענט איר דאס באקומען דורכן זיך פארבינדן מיט אייער לאקאלע לעגאלע הילף סאסייעטי אדער אנדערע אדוואקעיט גרופע. איר קענט טרעפן דעם נאנטסטן לעגאלע הילף סאסייעטי אדער אנדערע אדוואקעיט גרופע דורך קוקן אין אייער יעלאו פעידזשעס אונטער "לויערס" אדער דורכן רופן דעם נומער וואס שטייט אויפן ערשטן בלאט פון דעם מעלדונג.

**צוטריט צו אייער פייל און קאפיעס פון דאקומענטן:** כדי אייך צו העלפן זיך צוגרייטן פארן הירינג, האט איר א רעכט צו קוקן אויף אייער קעיס פייל. אויב איר רופט אונז אדער שרייבט צו אונז, וועלן מיר אייך צושטעלן אומזיסטע קאפיעס פון די דאקומענטן פון אייער פייל, וואס מיר וועלן געבן פארן הירינג באאמטער ביים יושר'דיגע הירינג. צו בעטן דאקומענטן אדער אויסצוגעפינען ווי אזוי צו זען אייער פייל, רופט אונז אויפן רעקארד צוטריט טעלעפאן נומער וואס שטייט אויסגערעכנט ביים אויבן פון בלאט איינס פון דעם מעלדונג אדער שרייבט צו אונז אויפן אדרעס וואס שטייט געדרוקט אויבן פון בלאט איינס פון דעם מעלדונג. אויך, אויב איר רופט אונז אדער שרייבט צו אונז, וועלן מיר אייך צושטעלן אומזיסטע קאפיעס פון אנדערע דאקומענטן פון אייער פייל וואס איר קענט דארפן כדי זיך צוצוגרייטן צו אייער יושר'דיגע הירינג. אויב איר ווילט קאפיעס פון דאקומענטן פון אייער קעיס פייל, זאלט איר דאס בעטן פון פאראויס. מען וועט דאס צושטעלן פאר אייך אינערהאלב א מעסיגע צייט פארן דאטום פונעם הירינג. מען וועט אייך שיקן דאקומענטן אויף פאסט **נאר** אויב איר בעט דירעקט אז מען זאל אייך עס שיקן דורך פאסט.

**אינפארמאציע:** אויב איר ווילט נאך אינפארמאציע וועגן אייער קעיס, ווי אזוי צו בעטן א קאנפערענץ אדער יושר'דיגע הירינג, ווי אזוי צו זען אייער פייל, אדער ווי אזוי צו באקומען נאך קאפיעס פון דאקומענטן, רופט אונז אויפן טעלעפאן נומער וואס שטייט אויסגערעכנט ביים אויבן פון בלאט איינס פון דעם מעלדונג אדער שרייבט צו אונז אויפן אדרעס וואס שטייט געדרוקט אויבן פון בלאט איינס פון דעם מעלדונג.

SAMPLE